# דעם רבינ'ס ליכט

תצוה תשפ"ב
גליון 80



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאַ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרע קִינְדֶער**

טַייעֶרע קִינְדֶערְלֶעךְ. דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה לֶערְנְט אוּנְז רֶבִּי נָתָן זַייעֶר אַן אִינְטֶעְרֶסַאנְטֶע לִמּוּד. לָאמִיר קוֹדֶם אַרַיינְשְׁפַּאצִירְן אִין אַ חֶדֶר פוּן קִינְדֶער - וֶועלְן מִיר זֶען דָארְט פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן קִינְדֶער.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל וֶוערְט צוּטֵיילְט אוּן זִיבְּן כִּתּוֹת. דָאס מֵיינְט אַז עֶס קֶען זַיין אַז אִין דַיין כִּתָּה אַלֵיין אִיז דָא אַפָּאר כִּתּוֹת פוּן קִינְדֶער! קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זַייעֶר קְלוּג מִיט שַׁארְפֶע קֶעפּ, עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען מֶער צוּ דִי שְׁטַארְקֶע זַייט, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט רִירְן פוּן פְּלַאץ; וִוידֶער אִיז פַארְהַאן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פוּנְקְט אִינְמִיטְן - זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּ שַׁארְף אוּן נִישְׁט צוּ פָּשׁוּט.

פַארְהַאן קִינְדֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט דֶער עִנְיָן פוּן קְדוּשָּׁה - זֵיי הִיטְן זִיךְ זֵייעֶר אָפּ דִי אוֹיגְן, פַארְהַאן קִינְדֶער מִיט תְּמִימוּת, זֵיי לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה. אִין דַיין חֶדֶר אִיז מִסְתָּמָא אוֹיךְ דָא קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט אַייְנְזִיצְן דִי פִּיסֶעלֶעךְ טַאנְץ זִיךְ זֵיי אַלֶעמָאל אַרוֹיס פוּן דִי שִׁיךְ! אָדֶער קִינְדֶער וָואס דִי הֶענְט קֶען זֵיי נִישְׁט אַייְנְרוּעֶן פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע! בְּקִצּוּר קִינְדֶער מִיט אַלֶע סָארְטְן מִדּוֹת. מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט זִיבְּן סָארְטְן קִינְדֶער, קֶעגְן דִי זִיבְּן רֶערְן פוּן דִי מְנוֹרָה.

דִי פַּרְשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן "וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ". זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַזוֹי: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ 'וַיִּקְחוּ אֵלֶיךָ', משֶׁה דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק עֶר קֶען אוֹיפְוֶועקְן אוּן לִיכְטִיג מַאכְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ - דִי נְשָׁמָה פוּן דִי אִידְן וָואס




זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ קוּמְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה.

גִיבְּט דִי תּוֹרָה אַ בַּאפֶעל פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ 'וְאַתָּה תְּצַוֶּה אַ לָשׁוֹן פוּן צַוְתָא נֶעם צוּזַאם - בַּאהֶעפְט צוּזַאמֶען דִי אִידְן' אוֹיפְן צַדִּיק לִיגְט אַן אוֹיפְגַאבֶּע אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ לִיכְטִיגְקַייט אוּן זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער פוּן אוּנְזֶער זַייט לִיגְט אוֹיךְ אַן אוֹיפְגַאבֶּע

המשך אויף זייט 8

## הֶעלְף מִיר שְׁלֶעפְּן!

נַיין יָאר אִיז אַרִיבֶּער זַייט ר' צְבִי אַרְיֵה דֶער זוּן פוּן רֶבִּי אַהֲרֹן – דֶער רַב פוּן בְּרֶסְלֶב הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶּער לַיידֶער הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער.

אַזוֹי וִוי עֶס הָאט זַייעֶר וויי געטוּן פַאר דֶער וַוייבּ פוּן ר' צְבִי אַרְיֵה אַז זִי הָאט נָאכְנִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, אִיז זִי גֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעוויין צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר הָאט אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז אִיר יְשׁוּעָה אִיז זֵייעֶר נָאנְט!

יָאר תקפ"ה אַ קוּרְצֶע צַייט פַאר עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי צֶען יָאר פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָואָרְן בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ אִין אִינְגֶעלֶע! מַזָל טוֹב! מֶען הָאט גֶערוּפְן דָאס קִינְד 'נַחְמָן' – אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס נָאמֶען.

דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן, [שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן, דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רַב] הָאט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלְן זִכָּרוֹן וָואס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט גֶעווֶענְלִיךְ, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעזֶעסְן טָאג אוּן נַאכְט אִין גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אֵיין טָאג זַייעֶנְדִיג אַ קִינְד פוּן צֶען יָאר אַלְט, אִיז גֶעקוּמֶען צוּגֵיין אַ פַּארְקוֹיפֶער פוּן סְפָרִים אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. עֶר שְׁטֶעלְט אוֹיף אַ טִישׁ אוּן לֵייגְט אוֹיס סְפָרִים וָואס שְׁטֵייעֶן צוּם פַּארְקוֹיפְן. דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן פַּארְטִיפְט זִיךְ אִין אֵיינֶע פוּן דִי הֲלָכָה סְפָרִים, עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דֶעם סֵפֶר פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל!

עֶר גֵייט צוּ צוּם פַּארְקוֹיפֶער, "וויפִיל קָאסְט דֶער סֵפֶר?!" דֶער מוֹכֵר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן גָאר אַ הוֹיכֶע פְּרַייז. הָאט נַחְמָן פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַיינְבֶּעטְן עֶר זָאל עֶס פַּארְקוֹיפְן פַאר בִּילִיגֶער, אוּן צוּגֶעלֵייגְט: "אִיךְ קֶען שׁוֹין סַייֵם זַיין דָאס גַאנְצֶע סֵפֶר אוֹיף אוֹיסְעֶווֵייניג, אִיךְ הָאבּ עֶס יֶעצְט דוּרְכְגֶעבְּלִיקְט!" דֶער פַּארְקוֹיפֶער צוּלַאכְט זִיךְ פוּן דִי הַשָּׂגוֹת פוּן דֶעם קְלֵיין אִינְגְל, אָבֶּער צוּ זַיין וואוּנְדֶער, הָאט דָאס קִינְד אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אוֹיף אוֹיסֶעוֶוענִיג אַ לַאנְגֶע תְּשׁוּבָה פוּן דֶעם סֵפֶר וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף פוּפְצְן בְּלֶעטֶער אָן אִיבֶּערְצוּהִיפְּן קֵיין שׁוּם פְּרָט.

וֶוען זַיין טַאטֶע ר' צְבִי אַרְיֵה הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גוֹזֵר גֶעוֶוען עֶר זָאל דָאס מֶער נִישְׁט טוּן אַלְס חֲשַׁשׁ פוּן אַן 'עַיִן הָרָע'.

דִי יָארְן וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען פַארְטְרִיבְּן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב – וֶוען דִי שְׁטָאט-רַאט הָאבְּן אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן זַיין שְׁטוּבּ אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט ר' צְבִי אַרְיֵה גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי זוּן: נַחְמָן, עֶלֶעוְו יָאר אַלְט, אוּן זַיין אִינְגֶערֶע בְּרוּדֶער חַיִּים קֵיין נֶעמִירוֹב, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם בַּיי רֶבִּי נָתָן. אַזוֹי הָאבְּן דִי צְווֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ וַוארְמֶען אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן בּוֹים.



ליקוטי עצות געדריקט יאר תרכ"ט

נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רַב אָפְטֶער זֶען רֶבִּי נָתָן אִין חָלוֹם. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי רֶבִּי נָתָן טְרָאגְט צְווֵיי גָאר גְרוֹיסֶע סְפָרִים אִין זַיינֶע הֶענְט, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּם טְשֶׁעהְרִינֶער רַב: "דוּ זֶעסְט?! דִי סְפָרִים הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁלֶעפְּן, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אֵיינֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן!! גֶעמֵיינְט הָאט רֶבִּי נָתָן מִיט דֶעם אַז עֶר דַארְף הִילְף, מֶען זָאל מְפָרֵשׁ זַיין אוּן מְבָאֵר זַיין זַיינֶע סְפָרִים.

עֶר הָאט פוּן דַאן גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין רֶבִּי נָתָן אוּן הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר 'לִקּוּטֵי עֵצוֹת הֶחָדָשׁ', אַ פַארְקֶערְצֶערוּנְג פוּן אַלֶע סְפָרִים פוּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, דֶעם סֵפֶר הָאט עֶר גֶערוּפְן "אוֹצַר הַיִּרְאָה" דָאס אִיז פִיר/פִינְף בֶּענְדֶער צוּטֵיילְט לוֹיט מִדּוֹת אוּן לוֹיט דִי זְמַנִּים פוּן יָאר.

# אַ ליכטיגע פָּסוּק



**מָאנְסִי, נְיוּ יָארְק**

**נַפְתָּלִי:** הֶעלָא, אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּ זַלְמִי?!

**טַאטֶע:** זַלְמִי הָאסְט טֶעלֶעפָאן!!

**זַלְמִי:** אִיךְ?! וֶוער רוּפְט מִיר?! אַ גוּטְן! וֶוער אִיז דָאס?

**נַפְתָּלִי:** דָאס בִּין אִיךְ נַפְתָּלִי, דוּ דֶערְקֶענְסְט שׁוֹין נִישְׁט מַיין קוֹל, אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק אִינְדֶערְהֵיים אִין מָאנְסִי.

**זַלְמָן:** נַפְתָּלִייייייי!! וָואס מַאכְסְטוּ מַיין טַייעֶרֶער בַּאלִיבְּטֶער קָאזִין?

**נַפְתָּלִי:** אֵיין מִינוּט... אִיךְ רֶעדְט צוּ זַלְמִי?!

**זַלְמָן:** יָא דוּ רֶעדְטְס צוּ זַלְמִי, פַארְוָואס טְרַאכְסְטוּ אַז נִישְׁט?

**נַפְתָּלִי:** דוּ בִּיסְט עֶפֶּעס אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילִיךְ, אוֹיפְגֶעלֵייגְט, אוֹיפְגֶעמִינְטֶערְט. עֶפֶּעס הָאט זִיךְ אִין דִיר דְרַאסְטִישׁ גֶעטוּישְׁט זַייט אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר גֶערֶעדְט פַאר צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

**זַלְמָן:** יָא יָא, נַפְתָּלִי, דוּ גֶעדֶענְקְסְט שׁוֹין נִישְׁט?

**נַפְתָּלִי:** וָואס דַארְף אִיךְ גֶעדֶענְקֶען?!

**זַלְמָן:** דִי הָאסְט שׁוֹין פַארְגֶעסְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי וָואס אִיךְ הָאבּ דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין מִירוֹן?

**נַפְתָּלִי:** נָאךְ וִוי אִיךְ גֶעדֶענְק, דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט נָאךְ לוֹיפְן צוּ דִי פֵייגֶעלֶעךְ..

**זַלְמָן:** יֶענֶע נַאכְט וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, בִּין אִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט נָאכְן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אִיז מַיין קִישְׁן נַאס גֶעוָוארְן פוּן טְרֶערְן.

**נַפְתָּלִי:** עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אֵיינֶעם פוּן עֶנְקֶער מִשְׁפָּחָה? פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעוֵויינְט?

**זַלְמָן:** נֵיין, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוֵויין פוּן שִׂמְחָה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן עֶפֶּעס אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פּוּנְקְט וָואס, עֶפֶּעס הָאט זִיךְ גֶערִירְט אִין מַיין הֶערְצֶעלֶע.



**טַאטֶע:** זַלְמִי!! צוּ וֶועם רֶעדְטְסְטוּ אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן??

**זַלְמָן:** אֵיין מִינוּט, מַיין טַאטֶע רוּפְט.... אִיךְ רֶעדְט צוּ נַפְתָּלִי!!

**נַפְתָּלִי:** אִיךְ קֶען דִיר רוּפְן אַן אַנְדֶערְס מָאל, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען.

**זַלְמָן:** אִיךְ מַאךְ עֶס בְּקִצּוּר נַפְתָּלִי, הֶערְסְט? אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר אִינְגְל, אִיךְ מַאךְ יֶעדְן טָאג אַ טֶענְצְל זַייט יֶענֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. אִיךְ נֶעם מַיינֶע קְלֵיינֶע בְּרִידֶער מֶען צִינְדְט אָן מוּזִיק אוּן מֶען טַאנְצְט, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה טַאנְצְט מִיט! אִיךְ מַיין עֶס זַייעֶר עֶרְנְסְט...

**נַפְתָּלִי:** אִיךְ טַאנְץ מִיט אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן!!

**זַלְמָן:** יָא, פוּן מִירוֹן, שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן, אִיז גֶעוָוארְן שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן.

**נַפְתָּלִי:** יָא מַיין רֶבִּי הָאט הַיינְט גֶערֶעדְט פוּן שֶׁמֶן

**המשך אויף זייט 7**

# דֶער בַּעַל תְּפִלָּה
## ~9~




(אוּן דֶער מְמוּנָה פְלֶעגְט זֵיי בְּוַודְאַי אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטְרָאפִין אוֹיף זֵייעֶר שְׁלֶעכְטִין וֶועג וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶעם גֶעלְט, נָאר עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט גִיקָאנְט אַרוֹיס פִירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דְרִינֶען זֵייעֶר אַיינְגִיוָוארְצִילְט גִיוֶוען. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט מַחְמַת דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוּן דֶער מְמוּנָה הָאבִּין שׁוֹין מִיט זֵיי פִיל גִישְׁמוּסְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַבִּיסִיל מְבוּלְבָּל גִיוָוארִין. אוּן זֵיי פְלֶעגִין זָאגִין. אַדְרַבָּא, נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס דֶערְפוּן. חָאטְשֶׁע זֵיי הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גִיהַאלְטִין שְׁטַארְק אִין זֵייעֶר נַארִישֶׁער דֵעָה, אוּן הָאבִּין גָאר נִישְׁט גִיוָואלְט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר נַארִישְׁקֵייט. נָאר זֵיי פְלֶעגִין שׁוֹין פָארְט זָאגִין אַז מֶען הָאט זֵיי גִישְׁטְרָאפְט. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יָא אַזוֹי, אַז מִיר זֶענֶען אִין טָעוּת. נָא נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייט).

הָאט דֶער מְמוּנָה זִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ דֶער מְדִינָה. אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבִּין אֵיין עֵצָה (אַקֶעגִין דֶעם גִבּוֹר וָוארִין אִיךְ וֵייס דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם גִבּוֹר פוּן וַואנֶעט עֶר נֶעמְט זַיין גְבוּרָה. אוּן הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט דֶער גִבּוֹר זַיין גְבוּרָה. בְּכֵן וֶועל אִיךְ מִיט אַייךְ גֵיין צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל, אוּן דָארְךְ דֶעם וֶועט אִיר קֶענֶען בַּאשְׁטֵיין אַקֶעגִין דֶעם גִבּוֹר. (וָוארִין אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיךְ נֶעמֶען גְבוּרָה פוּן דָארְט).

אוּן דִי כַּוָונָה פוּן דֶעם מְמוּנָה אִיז גִיוֶוען, אַז זֵיי וֶועלִין שׁוֹין אַהִין קוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶעם שְׁוֶוערְד. וֶועלִין זֵיי זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. (וָוארִין דָארְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז צוּ דֶער שְׁוֶוערְד, דָארְךְ דֶעם נֶעמְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט כַּנַ"ל).

הָאט דִי מְדִינָה צוּ גִינוּמֶען זַיין עֵצָה. אוּן הָאבִּין אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן זֵיי וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גִיוֶוען גָאטִין, אַז זֵיי זָאלִין אִין אֵיינֶעם גֵיין מִיט דֶעם מְמוּנָה צוּ דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל. (אוּן דִי גָאטִין דְהַיינוּ דִי עַשִׁירִים זֵייעֶרֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם מְמוּנָה, זֶענֶען בְּוַודְאַי גִיגַאנְגֶען אָנְגִיטָאן אִין צִירוּנְג פוּן גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, וָוארִין דָאס אִיז זִיךְ בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר גִיוֶוען).

זֶענֶען זֵיי אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען, דֶער מְמוּנָה מִיט דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי הֵייסִין בַּיי זֵיי גָאטִין.

הָאט דֶער מְמוּנָה מוֹדִיעַ גִיוֶוען דִי זַאךְ צוּ גִבּוֹר, בַּאֲשֶׁר עֶר גֵייט מִיט זֵיי זוּכִין דָאס אָרְט פוּן דֶער שְׁוֶוערְד. אוּן זַיין כַּוָונָה אִיז - טָאמֶער וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אִין וֶועג צוּ גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט.

הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר אָנְגִירוּפִין. אִיךְ וֶועל אוֹיךְ גֵיין מִיט דִיר הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר פַארְשְׁטֶעלְט. (כְּדֵי דִי לַייט וָואס זֵיי גֵייעֶן מִיט דֶעם מְמוּנָה זָאלִין נִישְׁט וִויסִין אַז עֶר אִיז דָאס דֶער גִבּוֹר אַלֵיין) אוּן אִיז אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם מְמוּנָה.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועְן (דֶער מְמוּנָה מִיט דֶעם גִבּוֹר) זֵיי וֶועלִין דָאס מוֹדִיעַ זַיין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיךְ. הָאבִּין זֵיי אִים מוֹדִיעַ גִיוֶועְן. הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין. עֶר ווִיל אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי.

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צוּ זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע לַייט. אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. אַז זֵיי זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין אַז הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ זָאל זֵיי מַצְלִיחַ זַיין זֵייעֶר וֶועג. אַז זֵיי זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְּלֶעגְט תָּמִיד דְרוֹיף מִתְפַּלֵל צוּ זַיין, אַז סֶע זָאלִין זִיךְ אָפְּזִיכִין דֶער מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט. אוּן פְּלֶעגְט תָּמִיד הֵייסְן זַיינֶע לַייט אַז זֵיי זָאלִין אוֹיךְ דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִימַאכְט תְּפִילוֹת וָואס זֵיי זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין. אוּן אִיצְט ווִי עֶר הָאט גִיוָואלְט גֵיין צוּ דֶעם מְמוּנָה מִיט דֶער גִבּוֹר כְּדֵי זֵיי זָאלִין אִינְאֵיינֶעם גֵיין זוּכִין דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט, הָאט עֶר זֵיי נָאךְ מֶער אָנְגִיזָאגְט אַז זֵיי זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין תָּמִיד. אַז זֵיי זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ גִיפִינֶען זֵיי.

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען צוּ דֶעם מְמוּנָה מִיט דֶעם גִבּוֹר אִיז בְּוַודְאַי צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶועְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיוֹת כַּנַ"ל.

זֶענֶען דִי אַלֶע דְרַיי גִיגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם. דְהַיְינוּ דֶער מְמוּנָה אוּן דֶער גִבּוֹר אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. אוּן דִי גָאטִין דְהַיְינוּ דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען.

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען. זֶענֶען זֵיי אָנְגִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה. אִיז דָארְטִין גִישְׁטַאנֶען וַוארְטִיס בַּיי דֶער מְדִינָה. הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דִי וַוארְטִיס. וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס אוּן וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ דֶער מֶלֶךְ? הָאבִּין דִי וַוארְטֶעס גִיעֶנְפֶּערְט. בַּאֲשֶׁר דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶועְן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי וֶועלְט צוּטֵיילְט גִיוָוארִין אוֹיף כַּמָּה כִּתּוֹת (דְהַיְינוּ אוֹיף פִיל דֵעוֹת וָואס אִיטְלִיכֶע כִּתָּה הָאט גִיהַאט אֵיין אַנְדֶערֶע דֵעָה כַּנַ"ל)

דֶעמָאלְט הָאבִּין דִי לַייט פוּן דֶער מְדִינָה זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין אַז דֶער עִיקָר אִיז חָכְמָה, אוּן הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען אַ גְרוֹיסִין חָכָם פַאר אַ מֶלֶךְ. נִישְׁט לַאנְג, הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסִין חָכָם וָואס עֶר אִיז מְשׁוּנֶה אַ גְרוֹיסֶער חָכָם זֵייעֶר. הָאט אִים דֶעם מֶלֶךְ מוֹחֵל גִיוֶועְן דִי מְלוּכָה הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר חָכְמָה.

הָאבִּין דִי דְרַיי גִיזָאגְט (דְהַיְינוּ דֶער מְמוּנָה מִיט דֶעם גִבּוֹר מִיט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) אַז סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז דָאס מוּז זַיין אוּנְזֶער חָכָם (דְהַיְינוּ דֶער חָכָם פוּן דֶעם מֶלֶךְ) הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטִין. אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ אַז מֶען זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט אִים הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט, "מֶען מוּז מֶעלְדִיוֶוען", זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין גִימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִיהֵייסִין זֵיי אַרַיין גֵיין.

זֶענֶען זֵיי (דְהַיְינוּ דִי דְרַיי) אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם חָכָם וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין מֶלֶךְ אִין דֶער מְדִינָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע דֶערְקֶענְט וָוארִין דֶער חָכָם. דָאס אִיז טַאקֶע גִיוֶועְן דֶער חָכָם פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַ"ל. אִיז בְּוַודְאַי דָארְט גִיוֶועְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיוֹת. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיוֵויינְט ווִי גִיפִינְט מֶען נָאךְ דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע.

הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דֶעם חָכָם. אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶער יַד פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט. אַז דִי יַד אִיז בַּיי אִים. נָאר זִינְט דֶעמוּלְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם רוּחַ סְעָרָה. פוּן דֶעמָאלְט אָן ווִיל עֶר גָאר נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דֶער יַד אַרַיין. וָוארִין דִי יַד קֶער נָאר צוּם מֶלֶךְ אַלֵיין. נָאר עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן דֶער יַד אוֹיף אַ שְׁטֵיין כְּדֵי סֶע זָאל אִים אַבִּיסִיל נוּצִין צוּ זַיין זַאךְ. אָבֶּער אִין דֶער יַד אַלֵיין קוּקְט עֶר גָאר נִישְׁט אַרַיין.

הָאבִּין זֵיי גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם חָכָם. ווִי אַזוֹי עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט. אַז



המשך אויף זייט 6

זִינְט דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִּיוֶוען אִיז עֶר גִּיגַאנְגֶען וִוי עֶר אִיז גִּיגַאנְגֶען. (אוּן וִוי עֶר אִיז גִּיגַאנְגֶען, אִיז עֶר אִיבֶּער גִּיגַאנְגֶען אַלֶע נָאר אִיבֶּער זֵיי דְרַיי דְהַיְינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִּבּוֹר מִיט דֶעם מְמוּנָה אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּער גִּיגַאנְגֶען) בִּיז דִי מְדִינָה הָאבִּין אִים גִּיפוּנֶען. אוּן הָאבִּין אִים אוֹיף גִּינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן לְעֵת עַתָּה דֶערְוַוייל מוּז עֶר זֵיי פִירִין וֶועדְלִיג זֵייעֶר וֶועג. וֶועדְלִיג זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת. בִּיז דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר זֵיי אַרוֹיס פִירִין אוֹיף דֶעם רֶעכְטִין אֱמֶת.

הָאבִּין זֵיי גִּישְׁמוּסְט מִיט דֶעם חָכָם. מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִּיוָוארִין אִין דֶעם גֶעלְט. כַּנַּ"ל. אוּן זֵיי הָאבִּין גִּיזָאגְט וֶוען מִיר זָאלִין מֶער נִישְׁט פַארְוָוארְפִין וֶוערִין. אוּן צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערִין. נָאר פוּן דֶער מְדִינָה וֶועגִין כְּדֵי מֶען זָאל זֵיי פַארְרֶעכְטְן אוּן אוּם קֶערִין צוּם אֱמֶת, אִיז אוֹיךְ כְּדַאי. וָוארִין דִי זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִּיוָוארִין.

וָוארִין צוּם אֱמֶת דִי אַלֶע כִּתּוֹת הַנַּ"ל וָואס אִיטְלִיכֶע הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אִיר נַארִישְׁקֵייט. דִי הָאבְּן גִּיוָואלְט כָּבוֹד. אוּן דִי רְצִיחָה וְכוּ' כַּנַּ"ל. זֶענֶען זִיךְ אַלֶע פַארְפִירְט גִּיוֶוען. אוּן מֶע הָאט זֵיי אַלֶע בַּאדַארְפְט אַרוֹיס פִירִין אוֹיף דֶעם רֶעכְטִין תַּכְלִית. וָוארִין אַפִילוּ דִי כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִּיקְלִיבִּין אַז דֶער תַּכְלִית אִיז חָכְמָה. דִי הָאבִּין אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְלַאנְגְט דֶעם אֱמֶת'ן תַּכְלִית. אוּן זֵיי בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַרוֹיס פִירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִּיהַאלְטְן אִין חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסִית. לוּשְׁמִיר פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייט קָאן מֶען גְרִינְגֶער אַרוֹסְפִירְן. אָבֶּער דִי דָאזִיגֶע. זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִּיוָוארִין אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה פוּן גֶעלְט. אוּן זֵיי זֶענֶען דְרִינֶען אַזוֹי אַרַיין גִּיפַאלִין. וָואס סֶע נִישְׁט גִּימָאלְט זֵיי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דֶערְפוּן. אוּן דֶער חָכָם הָאט זֵיי אוֹיךְ גִּיעֶנְפֶערְט. אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גִּיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קָאן מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען. נָאר פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קָאן מֶען נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען. סַיידִין דָארךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צוּ דֶער שְׁוֶוערְד כַּנַּ"ל.

הָאט דֶער חָכָם גִּיזָאגְט. עֶר וֶועט אוֹיךְ גֵּיין מִיט זֵיי, זֶענֶען זֵיי אַלֶע פִיר גִּיגַאנְגֶען. אוּן דִי גָאטִין (דְהַיְינוּ דִי עֲשִׁירִים פוּן דֶער מְדִינָה) זֶענֶען אוֹיךְ מִיט זֵיי גִּיגַאנְגֶען.

זֶענֶען זֵיי גִּיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִּיפְרֶעגְט דִי וַוארְטִיס. וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס אוּן וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִּיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִּיוֶוען. דֶעמוּלְט הָאבִּין זִיךְ דִי לַייט פוּן דֶער מְדִינָה אוֹיס גִּיקְלִיבִּין. אַז דֶער תַּכְלִית אִיז דֶער דִיבּוּר. הָאבִּין זֵיי אוֹיף גִּינוּמֶען. אַ דַבְּרָן אַ בַּעַל לָשׁוֹן פַאר אַ מֶלֶךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִּיפוּנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסִין בַּעַל לָשׁוֹן וּמְלִיצָה אוּן אַ דַבְּרָן. הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִּינוּמֶען פַאר אֵיין מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים מוֹחֵל גִּיוֶוען דִי מְלוּכָה וַוייל עֶר אִיז אַזוֹי אַ בַּעַל לָשׁוֹן.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִּישְׁטוּיסִין דָאס מוּז בְּוַודַאי זַיין דֶער מֵלִיץ פוּן אוּנְזֶער מֶלֶךְ הַנַּ"ל. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִּיבֶּעטִין אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט דֶעם מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִּיעֶנְפֶערְט. מֶען מוּז מֶעלְדִיוֶוען הָאט מֶען גִּימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִּיהֵייסִין אַז זֵיי זָאלִין אַרַיין קוּמֶען.

זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם מֶלֶךְ. אוּן דָאס אִיז גִּיוֶוען דֶער מֵלִיץ פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אִיז גִּיוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן בְּכִיּוֹת. אִיז דֶער מֵלִיץ מִיט זֵיי אוֹיךְ גִּיגַאנְגֶען.

זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִּיגַאנְגֶען זוּכִין. טָאמֶער וֶועלִין זֵיי גִּיפִינֶען דִי אִיבְּרִיקֶע. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִּיזֶעהְן אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֶעלְפְט זֵיי. זֵיי גִּיפִינֶען אַלֶע

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם

גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149 646-518-1095

מָאל זֵייעֶרע חֲבֵרִים. אוּן זֵיי הָאבִּין דָאס אַלְץ אָנְגִיהָאנְגֶען אִין דֶעם זְכוּת פוּן זֵייעֶר כָּשֵׁר'ן בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר אִיז תָּמִיד מִתְפַּלֵּל דְרוּיף. אוּן דוּרְךְ זַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען זֵי זוֹכֶה אַלְץ צוּ גִיפִינֶען זֵייעֶרע חֲבֵרִים.

זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען טָאמֶער וֶועלְן זֵיי נָאךְ גִיפִינֶען דִי אִיבְּרִיקֶע. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס אוּן וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט אַז זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין אַז דֶער תַּכְלִית אִיז אַז מֶע זָאל שִׁיכּוֹר'ן אוּן פְרֵיילִיךְ זַיין הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען עֶפֶּעס אַ שִׁיכּוֹר פַאר אֵיין מֶלֶךְ. וָוארִין עֶר אִיז תָּמִיד פְרֵיילִיךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אֵיין מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין אֵיין יַם פוּן וַויין אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר וואוּיל גִיפֶעלִין בְּעֶסֶער. וָוארִין דֶער אִיז זִיךְ בְּוַודַאי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שִׁכּוֹר וָוארִין עֶר זִיצְט זִיךְ אִין אַ יַם פוּן וַויין הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ.

הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין מֶען זָאל זִיךְ מִיט אִים זֶעהְן אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט. זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם מֶלֶךְ אוּן דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין דֶעם יַם פוּן וַויין וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין פוּן דִי רֵייד פוּן דֶעם מֵלִיץ וָואס עֶר הָאט גִיטְרֵייסְט זֵיי כַּנַּ"ל. (אוּן דִי מְדִינָה הָאט גִימֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער שִׁיכּוֹר ווַייל עֶר זִיצְט אִין אַ יַם פוּן וַויין הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ).

וִוי זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ אִים. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן בְּכִיּוֹת כַּנַּ"ל. אִיז דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען מִיט זֵיי.

# אַ ליכטיגע פָּסוּק

המשך פון זייט 3

זַיִת זָךְ, אֶפְשָׁר הָאט עֶס אַ שַׁייכוּת צוּ דִי זַאךְ?

**זַלְמָן:** קֶען זַיין! נָא נַפְתָּלִי, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ מְחַדֵּשׁ, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ עֶפֶּעס צוּזַאמְפְּלֶעכְטְן?

**נַפְתָּלִי:** יָא, ר' נָתָן קֶען אוּנְז זִיכֶער הֶעלְפְן מִיט דֶעם. ר' נָתָן זָאגְט אַז דִי עֶגֶל אִיז גֶעקוּמֶען פוּן טְרוֹיעֶרִיגֶע חֶבְרָה, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען בְּעַצְבוּת, הָאבְּן זֵיי לַיידֶער גֶעטוּן אַזַא הַארְבֶּע זַאךְ. וָואס הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער זֵיי גֶעהֵייסְן טוּן כְּדֵי דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן?

**זַלְמָן:** בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן...

**נַפְתָּלִי:** וָואס הָאט אַ מִשְׁכָּן צוּטוּן מִיט שִׂמְחָה, הֶע זַלְמִי?

**זַלְמָן:** אִיךְ ווֵייס נִישְׁט...

**נַפְתָּלִי:** רֶבִּי נָתָן ווֵייסְט יָא! דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי נְדָבוֹת מִיט אַ 'גוּטֶע פְרֵיילִיכֶע הַארְץ' דִי שִׂמְחָה זֵייעֶרע אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן נָאךְ מֶער אוּן מֶער אוּן נָאךְ מֶער פְרֵיילִיךְ, בִּיז מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט בּוֹיעֶן דֶער מִשְׁכָּן הָאט מֶען גְלַייךְ אָנְגֶעצִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דִי 'שֶׁמֶן מִשְׁחַת קוֹדֶשׁ' וָואס דָאס ווַייזְט אוֹיף גָאר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, "שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן"...

**זַלְמָן:** אָקֶעי אִיךְ דַארְף שׁוֹין גֵיין זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי. אִיךְ הָאף אַז דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס הֶערְן אוּנְטֶער אוּנְזֶער שְׁמוּעֶס וֶועלְן אוֹיךְ כַאפְּן אַ טֶענְצֶל, אוּן זִיךְ מִיטְפְרַייעֶן אַז מִיר ווַייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי'ן וָואס גִיבְּט אַ תִּיקוּן פַאר יֶעדְן אִיד.

**נַפְתָּלִי:** מִיט טוּעֶן אִינְאֵיינֶעם זַיין, דַארְפְן מִיר בְּוַודַאי פְרֵיילִיךְ זַיין...

**זַלְמָן:** אַ גוּט שַׁבָּת

המשך פון זייט 1

"וַיִּקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ" מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן נֶעמֶען אוּן בְּרֶענְגֶען פַארְ'ן צַדִיק - שֶׁמֶן זַיִת זָךְ.

וָואס אִיז דָאס דֶער שֶׁמֶן זַיִת זָךְ וָואס מִיר הָאבְּן אַ פְלִיכְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר מֹשֶׁה?! דָאס אִיז אוּנְזֶערֶע גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּנְזֶער דַאוֶּועֶנֶען, לֶערְנֶען אוּן גוּטֶע מִדוֹת וָואס מִיר אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן טוּן בְּהִתְקַשְּׁרוּת צוּם צַדִיק - אַז דֶער צַדִיק זָאל קֶענֶען מִיט דֶעם אָנְצִינְדְן אוּנְזֶער נְשָׁמָה; אַז אוּנְזֶער מֹחַ אוּן נְשָׁמָה זָאל בְּרֶענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וִוי אַ לִיכְטֶעלֶע וָואס בְּרֶענְט אַזוֹי שֵׁיין. וַוייל נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם, דִי נְשָׁמָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ לִיכְט.



וָואס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק? "כָּתִית לַמָּאוֹר - כָּתִית מֵיינְט צֶעשְׁטוֹיסְן", מֶען דַארְף זִיךְ לָאזְן קְלַאפְּן אוּן וֶוערְן צֶעשְׁטוֹיסְן אוּן דוּרְכְגֵיין פְּלָאג אוּן פַארְשִׁידֶענֶע בִּיטֶערְנִישְׁן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַז דָאס פְלֶעמֶעלֶע זָאל זִיךְ אָנְכַאפְּן אוֹיף דִי נְשָׁמָה. אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט "אָעָא דְּלָא סְלִיק בֵּהּ נְהוֹרָא מְבַטְּשִׁין לֵהּ, גּוּפָא דְּלָא סְלִיק בֵּהּ נְהוֹרָא דְּנִשְׁמְתָא מְבַטְּשִׁין לֵהּ", אַ קְלָאץ - אַ גְרָאבֶּע שְׁטִיק הָאלְץ וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט אָנְצִינְדְן, דַארְף מֶען דָאס צֶעקְלַאפְּן אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁפֶּענְדֶעלֶעךְ! אַזוֹי אוֹיךְ אַ גוּף וָואס דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי נְשָׁמָה וֶוערְט נִישְׁט בַּאלוֹיכְטְן, דַארְף עֶר כַאפְּן אַפָּאר פֶּעטְשֶׁעלֶעךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ כַאפְּן אַ פַּאטְשׁ! דֶערִיבֶּער קֶען מֶען דָאס אוֹיפְטוֹישְׁן אוּן אַנְשְׁטָאט דֶעם זִיךְ פְּלָאגְן מִיטְ'ן טוּן מִצְוֹת, לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן זִיךְ שָׁאקְלֶען בַּיים דַאוֶּועֶנֶען, וֶועט דָאס זַיין דִי קְלֶעפֶּעלֶעךְ וָואס אוּנְזֶער גוּף וֶועט בַּאקוּמֶען.

אִין מִדְרָשׁ דִי וָואךְ וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּסְט דֶער עִנְיָן פַארְוָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אַן אַייְלְבִּירְטְן בּוֹים - אַ זַיִת?! זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ וַוייל אַזוֹי וִוי דֶער אַייְלְבִּירְט וֶוערְט אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט פוּן דֶעם בּוֹים, דֶערְנָאךְ צֶעקְלַאפְּט מֶען אִים, מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין פְּרֶעס, נָאכְדֶעם צֶעמָאלְט מֶען אִים; מֶען נֶעמְט שְׁטְרִיק אוּן מֶען שְׁלֶעפְּט מִיט דֶעם שְׁטֵיינֶער צוּ קֶענֶען אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף דֶעם זַיִת, נָאר אַזוֹי קוּמְט אַרוֹיס דֶער אוֹיל.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן דוּרְכְגֵיין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן פְּלָאג, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּטוּן דִי אוּמְרֵיינֶע קְלֵיידֶער וֶועלְכֶע בְּרֶענְגֶען אוּנְז אַלֶע מְנִיעוֹת. אוּן אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַז אִין חֵדֶר אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער גֵייעֶן אַ סַךְ מָאל אַדוּרְךְ בִּזְיוֹנוֹת אוּן מֶען וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט. דָאס הָאט אָבֶּער אַ תַּכְלִית אוֹיבּ פוּן דֶעם וֶועט וֶוערְן "לְהַעֲלוֹת נֵר תָּמִיד." מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן דִי נְשָׁמָה וֶוערְט אוֹיסְגֶעלַייכְטֶערְט אוּן מִיר וֶוערְן וִוי אַ שֵׁיינֶע מְנוֹרָה וָואס בְּרֶענְט שֵׁיינֶע לִיכְטֶעלֶעךְ.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן דִי צַדִיקִים זָאלְן אוּנְז בַּאשַׁיינֶען, אוּנְזֶער נְשָׁמָה זָאל לַייכְטְן אוּן מִיר זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע רְצוֹנוֹת צוּ וֶועלְן נָאר דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. מִיר זָאלְן זֶען נָאר דִי גוּטֶע מַעֲלוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים, אוּן צוּזַאמֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען בְּקָרוֹב דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, אָמֵן

# שַׁבָּת'דִיגֶע לִיכְט



וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגֶל פוּן בְּעֶרֶךְ זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגֶל - אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אוּן הָאט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

פְרַייטָאג וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן חֲצוֹת אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען גֶעשִׁיקְט אִין מִקְוֶה אוּן זִיךְ גָאר שְׁנֶעל גֶע'טוֹבְלְ'ט, עֶר הָאט נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגְט קֵיין אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט אִין מִקְוֶה.

אַזוֹי ווִי עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן מִקְוֶה אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן זַיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל אַרַיין.

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין שׁוּל הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרַייעֶן אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ דִי קְדוּשָׁה פוּן שַׁבָּת אוּן בַּאקוּמֶען זַיין נְשָׁמָה יְתֵרָה, וָואס יֶעדֶער אִיד בַּאקוּמְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג אַהִין אוּן אַהֶער וַוארְט עֶר זָאל שׁוֹין זֶען עֶפֶּעס אַ לִיכְטִיגְקַייט! אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען...

דָאס קְלֵיינֶער אִינְגֶל בֶּענְקְט זֵייעֶר, "אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶפֶּעס אַ לִיכְט, עֶפֶּעס אַ שֵׁיין?"

אִינְדֶערְצְוִוישְׁן זֶענֶען שׁוֹין דִי אִידְן פוּן שְׁטֶעטְל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, עֶס קוּמְט אַרַיין עֶפֶּעס אַ חָשׁוּבֶ'ער אִיד, דֶער אִיד שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף זַיין פְּלַאץ, עֶר נֶעמְט אַ סִדוּר אוּן לֵייגְט עֶס אוֹיף זַיין סְטֶענְדֶער אוּן הֵייבְּט אָן מִיט אַ גֶעשְׁמַאק: "שִׁיר הַשִּׁירִים אֲשֶׁר לִשְׁלֹמֹה..."

דֶער רֶבִּי, אִיז דָאךְ אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶער אִינְגְל יֶעצְט, עֶר שְׁטוּפְּט זִיךְ אַרַיין אִין סְטֶענְדֶער. דֶער אִיד זָאגְט אִים גָארְנִישְׁט - עֶר לָאזְט אִים זִיצְן דָארְט! אַזַא קְלֵיין אִינְגֶל וִויל עֶר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען...

אַזוֹי לִיגְט דֶער רֶבִּי דָארְט אוּן הֵייבְּט אָן וֵויינֶען. עֶר ווֵיינְט אוּן וֵויינְט, טְרֶערְן גִיסְן זִיךְ פוּן אִים אַפָּאר שָׁעָה, בִּיז זַיינֶע אוֹיגְן וֶוערְן שׁוֹין גֶעשְׁוָואלְן. פַארְוָואס וֵויינְט עֶר?! עֶר בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן זוֹכֶה צוּ זַיין צוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ שַׁבָּת, דֶער רֶבִּי עֶפְּנְט זַיינֶע אוֹיגְן, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר זֶעט שׁוֹין עֶפֶּעס אַ לִיכְטִיגְקַייט פוּן שַׁבָּת... וַוייל דֶער שַׁמָּשׁ אִין שׁוּל הָאט שׁוֹין אָנְגֶעצִינְדְן דִי לִיכְט, אוּן זַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט פַארְמַאכְט אוּן פַארְוֵוינְט... הֶערְשְׁט יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ בַּארוּאִיגְט מִיט אַ גוּטְן גֶעפִיל אַז עֶר הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַן אוֹר פוּן שַׁבָּת.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְג. דֶער רֶבִּי הָאט

המשך אויף זייט 10

המשך פון זייט 9

אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, צוּ זֶען דִי תְּמִימוּת פוּן אַזַא קְלֵיין אִינְגְל וֶוען עֶר בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַ גֶעבֶּעט וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, בֶּעטְן נִישְׁט אַזֶעלְכֶע תְּפִלּוֹת... אָבֶער דֶער רֶבִּי וִויל אוֹיךְ אַז אוּנְז קְלֵיינֶע אוּן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת.

(א גראם אויף די שנעלע שטיקל פון להתענג, וואס מען זינגט נאך מע'ין עולם הבא)

**לָאמִיר זִיךְ גְרֵייטְן, צוּם שַׁבָּת שְׁנֶעל גֶעשְׁוִוינְד,**

**רוֹימֶען קֶערְן, הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אַ קִינְד,**

**צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַ תְּפִלָּה, מִיט טְרֶערְן פַארְגִיסְן.**

**זוֹכֶה זַיין שְׁפִּירְן, אַ שַׁבָּת-טַעַם אַ זִיסְן.**

**אַיי, שַׁבָּת, שַׁבָּת.**

**הַטְעִימֵנוּ - טַעַם שַׁבָּת**

**הַטְעִימֵנוּ, דֶעם גָאר גֶעשְׁמַאקְן טַעַם**

**פוּן דֶעם שַׁבָּת, דֶער הֵיילִיגֶער פְּלַאם**



## ??

### שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן פוּן דִי קִינְדֶער:

בְּעֵרֶךְ וֶועלְכֶע שָׁעוֹת אִין טָאג הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶעטוּן שַׁבָּת'דִיג?

פַארְוָואס הָאט דֶער טַאטֶע גֶעלָאזְט דֶער רֶבִּי זָאל זִיצְן אִין זַיין סְטֶענְדֶער?

פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוֵויינְט?

וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי לִיכְטִיגְקַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען?

וָואס וִוילְסְטוּ בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן?

## אַ תְּפִלָּה פַאר פּוּרִים

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ קוּם צוּ דִיר מִיט אַ תְּפִלָּה. דוּ טוּסְט דָאךְ מִיט אוּנְז נִסִּים אוּן וואוּנְדֶער אִין יֶעדְן דוֹר, יֶעדְן טָאג צוּ יֶעדֶער צַייט אוּן יֶעדֶע שָׁעָה. לֶערְן מִיר מִיט דַיין בַּאגְנֶעדִיגְקַייט, זַיי מִיר מְזַכֶּה אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גַאנְצֶע 'שִׂמְחַת פּוּרִים' מִיט אַן אֱמֶת, אוּן זוֹכֶה זַיין זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק פְּרֵייעֶן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ אוּן זֶעל אִין דִי פּוּרִים טֶעג, אוּן אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, מִיט אַ פְּרֵייד וָואס הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֶעג.

רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק, אוּן אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה

## די צוועלעפטע מעשה (9) - פון דער בעל תפילה

**א. וואס ענטפערן די מדינה של עשירות פאר דער ממונה ווען ער פרובירט זיי אויפווייזן דעם אמת?**
- ❑ אונז ווילן נישט הערן
- ❑ אדרבה נעמט אונז ארויס פון אונזער נארישקייט
- ❑ זיי האבן גלייך אפגעלאזט תאוות ממון

**ב. וועלכע עצה האט זיי דער ממונה געגעבן?**
- ❑ אז מ'זאל גיין צום יד פון דעם חכם
- ❑ אז מ'זאל גיין צום בויגן פון דעם גבור
- ❑ אז מ'זאל גיין צום פלאץ פון דעם שווערד

**ג. ווענען האבן זיי מיטגעשיקט מיט דעם ממונה?**
- ❑ די עשירים וואס זענען ביי זיי גאטין
- ❑ די ארימע לייט וואס זענען ביי זיי חיות
- ❑ די פשוטע מענטשן

***ד. שאלת זכות: וואס איז געווען די כוונה פון דעם ממונה מיט'ן גיין צום שווערד?***
- ❑ *צו ארויס נעמען די מדינה של עשירות פון תאוות ממון*
- ❑ *צו טרעפן דעם מלך מיט זיינע מענטשן*
- ❑ *ביידע תשובות זענען ריכטיג*

**ה. האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געוואוסט אז דער גבור איז מיט זיי?**
- ❑ זיכער
- ❑ נאר איינער האט געוואוסט
- ❑ זיי האבן נישט געוואוסט

**ו. וואס האט דער בעל תפלה געטוהן ווען ער האט געהערט אז זיי גייען?**
- ❑ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ דאווענען
- ❑ ער איז צוריק ארויס חוץ לישוב
- ❑ ער איז אויך געגאנגען מיט זיי

**ז. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**ח. פארוואס האט דער חכם נישט אריינגעקוקט אין יד?**
- ❑ ווייל ער איז געווען בצער פון די רוח סערה
- ❑ ווייל דאס איז נאר פארן מלך
- ❑ ווייל ער האט נישט געהאט די יד

**ט. איבער וועלכע פלעצער איז דער חכם נישט אריבער?**
- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ❑ אין די מעשה שטייט נישט איבער וועם ער איז אריבער
- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער מליץ און דער אוהב נאמן

**י. ווגען וועלכע זאך איז געווען כדאי אז די אנשי המלך זאלן ווערן צושפרייט?**
- ❑ כדאי צו טרעפן דער מלך מיט זיינע מענטשן
- ❑ צו ארויס נעמען די מדינה פון תאוות ממון
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. וועלכע כתות איז גרינגער צוריק צו קערן צום אמת?**
- ❑ די מדינה של עשירות
- ❑ אלע כתות חוץ פון חכמה
- ❑ אלע כתות חוץ פון תאוות ממון

**יב. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**יג. שאלת זכות: איבער וועלכע פלעצער איז דער מליץ נישט אריבער?**
- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ❑ אין די מעשה שטייט נישט איבער וועם ער איז אריבער
- ❑ איבער די פלאץ פון דער חכם און דער אוהב נאמן

**יד. אין ווענעמס זכות האבן זיי אנגעהאנגען דאס אז זיי טרעפן זיך צוזאם?**
- ❑ פון דעם גבור
- ❑ פון דעם ממונה
- ❑ פון דעם בעל תפלה וואס איז שטענדיג מתפלל אויף דעם

**טו. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

***טז. שאלת זכות: וויפיל פון די אנשי המלך זענען געגאנגען צוזאמען?***
- ❑ ***פינף*** *- דער גבור, דער ממונה, דער בעל-תפילה, דער חכם, און דער אוהב נאמן*
- ❑ ***זעקס*** *- דער גבור, דער ממונה, דער בעל-תפילה, דער חכם, דער מליץ, און דער אוהב-נאמן*
- ❑ ***זיבן*** *- דער גבור, דער ממונה, דער בעל-תפילה, דער חכם, דער מלך, דער מליץ, און דער אוהב-נאמן*


משנכנס אדר מרבין בשמחה
אַיין מַעֲשֶׂה'לֶע
ברענגט אריין א שמחה בעז"ה פאר אלע קינדער
און די גאנצע משפחה
דא צובאקומען